# פרשת קרח כ"ד – ל' סיון תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת קרח***

תפלת שחרית התפלל **רבינו שליט"א** בישיבה קטנה '**נועם התורה**' דקהלתנו במאנסי, ביחד עם תלמידי הישיבה.

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החומש סעודה לילדי התלמוד תורה במאנסי, שהתקיים באולם התלמוד תורה. המנהל **הרה"ג רבי ברוך מאסקאוויטש שליט"א** אב"ד יאמפאלי פתח את המסיבה. אחר דרשת **הרה"ג דומ"ץ דקהלתנו במאנסי שליט"א**, נשא **רבינו שליט"א** דברות קודש. בסיום המעמד עברו הילדים לקבל תהלים מידו של **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסען די חשוב'ע עלטערן און זיידעס, וואס זענען זיך געקומען משתתף זיין ביי די חומש סעודה פון זייערע קינדער און אייניקלעך. עס דארף זיין א געוואלדיגע שמחה ביי עלטערן, אז מען זעהט ב"ה ווי אזוי די דורות זענען ווייטער ממשיך, מען הייבט אן צו לערנען תורה הק', כי הם חיינו ואורך ימינו. און מען דארף אפגעבן א שבח והודאה פארן רבונו של עולם, אז מען איז זוכה צו זעהן ווי אזוי עס פירט זיך ווייטער די המשכות הדורות על דרך ישראל סבא.

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז עס איז א מצוה אין די תורה, אז אין בית המקדש זאלן זיין שומרים. ושמרתם את משמרת הקודש (במדבר יח-ה), עס איז א מצוה אז מען דארף אפהיטן דעם בית המקדש. און שטענדיג זענען געווען שומרים פון די כהנים און די לויים, וואס האבן געהיטן דעם בית המקדש. עס איז א מחלוקת הראשונים, צו נאר ביינאכט זענען געווען שומרים, צו עס איז געווען דארטן שומרים פיר און צוואנציג שעה. נישט וויל ביינאכט דארף מען מער היטן ווי בייטאג, נאר בייטאג האבן זיך די כהנים ממילא געדרייט אין בית המקדש, האט נישט אויסגעפעלט די שמירה (עיין **תפארת ישראל** תמיד א-א). אבער עס איז דא א מצוה, אז עס דארף זיין שמירה אויפן מקום המקדש. א טייל ראשונים זאגן, אז די שמירה איז געווען פארן כבוד פונעם בית המקדש (**רמב"ם** הל' בית הבחירה ח-א), און א טייל ראשונים זאגן, אז מען האט געהיטן פון אינדרויסן ווער עס קומט אריין אין בית המקדש, כדי א זר און א טמא זאלן נישט אריינגיין אין בית המקדש (רש"י יח-א).

**אונזערע** קינדער זענען אונזער בית המקדש. ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח), בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל. א יוד האט אין זיך א נשמה, א חלק פונעם אייבערשטען, און דער אייבערשטער רוהט אין אים. ביי קינדער, תינוקות של בית רבן, הבל פיהם שאין בהם חטא (שבת קיט:), דארט איז די גרעסטע השראת השכינה. מיר דארפן ארויפקוקען אויף אונזערע קינדער און אייניקלעך, אז דאס איז א בית ה', א בית המקדש. און א בית המקדש דארף מען היטן, עס איז א מצוה אין די תורה, ושמרתם את משמרת הקודש, מען דארף אפהיטן די משמרת הקודש, אז זיי זאלן בלייבן מיט זייער קדושה.

**פון** וואס דארף מען היטן דעם בית המקדש? אז א זר און א טמא זאלן נישט אריינקומען דארט. עס זאל אייביג זיין הייליג, די גאנצע אטמאספערע אין שטוב דארף זיין א הייליגע אטמאספערע. אכט געבן אויף די קינדער פון יעדן אויסנווייניגע זאך וואס איז היפך פון תורה. יעדע זרות, יעדע טומאה, זאל נישט צורירן צו די קינדער, זיי זאלן קענען בלייבן מיט זייער קדושה.

*

**איך** האב געזען שטיין פונעם **חידושי הרי"ם**, ער ברענגט צו פונעם הייליגען **פרשיסחער**, אז מען געפונט ביי די מחלוקת פון קרח מיט משה רבינו, אז דער אייבערשטער האט געהייסען אז מען זאל נעמען א מטה פון יעדן שבט, און מען זאל עס אריינטראגען אינעם אוהל מועד, און דער מטה פון אהרן האט געבליהט, עס איז ארויסגעקומען א פרח, ויצץ ציץ ויגמול שקדים (יז-כג), און מיט דעם האט זיך באְרואיגט די תלונות פון יודען.

**האט** דער הייליגער **רבי ר' בונם פון פרשיסחא** געזאגט. ווען יודען האבן געזען אז מען האט

אויסגעקליבען דעם שבט לוי, אז זיי זאלן זיין מער פון אנדערע, האט עס זיי זייער ווי געטון. זיי האבן געזען אז אברהם האט געהאט צוויי קינדער, ער האט געהאט יצחק און ער האט געהאט ישמעאל, און דער אייבערשטער האט אויסגעקליבן יצחק, כי ביצחק יקרא לך זרע (בראשית כא-יב), און ישמעאל איז אינגאנצן נדחה געווארן. שפעטער האט יצחק געהאט צוויי קינדער, יעקב מיט עשו, און יעקב איז נבחר געווארן, און עשו איז נדחה געווארן. מען האלט יעצט ביי יעקב'ס קינדער, וואס איז דא צוועלף שבטים, און דער אייבערשטער איז בוחר שבט לוי פון די איבריגע, האבן זיי מורא געהאט אז זיי גייען פארלוירן ווערן, אזוי ווי ישמעאל און עשו זענען קאליע געגאנגען. נאר וועם דער אייבערשטער האט בוחר געווען איז געבליבן, שבט לוי וועט בלייבען, אבער אויסער שבט לוי וועט אלעס קאליע גיין. האט עס זיי זייער ווי געטון.

**דער** אייבערשטער האט אבער געוויזען אז עס איז נישט אזוי. מען זעהט ביי א בוים אז עס איז דא די עיקר, די פרי וואס קומט ארויס, אבער כדי די פרי זאל קענען ארויסקומען, דארף מען האבן א מטה, מען דארף האבן דערצו א פרח, מען דארף האבן דערצו ציצים, אלעס גיט צו, אז עס זאל קענען שפעטער ארויסקומען די פרי וואס דארף ארויסקומען. די שקדים קענען נישט וואקסען אן די ארומיגע זאכן. דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען, אמת אז דער אייבערשטער האט בוחר געווען שבט לוי, אז זיי גייען טון די עבודה אין בית המקדש, ווייל עס איז דאך א גשמיות'דיגע וועלט, און נישט יעדער איינער קען זיין בבית ה'. אבער די עבודה פונעם כלל ישראל ווערט צוזאמגענומען פון אלע אינאיינעם. אומה זו נמשלה לגפן (חולין צב.), עס איז דא אשכולות, און עס איז דא זמורות, עס איז דא קנוקנות, אלע סארט בלעטער. אלמלא עליא לא איתקיימא אתכליא, מען דארף אלעס האבן, כדי עס זאל קענען זיין דער שבט לוי. דער אייבערשטער האט געוויזען, אז דער מטה פון אהרן האט געבליהט, עס האט ארויסגעגעבן שקדים, אבער עס איז געווען צוזאמען מיט די פרחים און ציצים. און דורך דעם והשיכותי מעלי את תלונות בני ישראל, מיט דעם וועל איך בארואיגן יודען.

**יעדער** יוד איז א חלק פונעם כלל ישראל. יעדער יוד טוט עפעס צו, צוצוהעלפן אז תורה זאל קענען בליען. עס איז טאקע נאר דא א שבט לוי, וואס זיי זענען זוכה אז זיי זיצן בבית ה' כל ימי חייהם, דאס מיינט אבער נישט אז א אנדערער איז נדחה געווארן. יעדער איינער טוט צוהעלפן דערצו, אז עס זאל קענען ארויסקומען די שקדים. אזוי ברענגט ער צו פון **רבי ר' בונם פון פרשיסחא**.

**מען** קען צוגעבן דערצו א קליינע נקודה. געוועגליך ביי א פרי זעהט מען, אז עס קומט קודם ארויס א בלום, און נאכדעם ווערט דער בלום קאליע, און דער בלום פאלט אראפ, און דעמאלטס קומט ארויס די פרי. די בלום בלייבט נישט. אבער ביי די מטה אהרן איז נישט נאר אז עס איז געקומען קודם א בלום און נאכדעם איז ארויסגעקומען די פרי, נאר די בלום איז געבליבן די גאנצע צייט אויפן שטעקן צוזאמען מיט די פרי. אזוי שטייט אין די גמרא (יומא נב:), אז מקלו של אהרן האט מען אוועקגעלייגט, מען האט עס גונז געווען, שקדיה ופרחיה, די שקדים און די פרחים זענען געבליבן שטענדיג דערויף. דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען, אז א יוד בלייבט שטענדיג אינעם בית ה'. נישט נאר די שקדים זענען בבית ה', נאר אויך די ציצים און די פרחים אלעס איז בבית ה'.

**מען** דארף בעהטן און מתפלל זיין אז אונזערע קינדער זאלן זוכה זיין צו זיין די שקדים, זיי זאלן זיין אזוי ווי דער שבט לוי, ווי עס שטייט אין **רמב"ם** (הל' שמיטה ויובל יג-יג), אז היינט זענען די לוים מיט די כהנים נישט אפגעטיילט, היינט איז דער וואס איז בוחר אין תורה, ער איז דער שבט לוי פונעם כלל ישראל, ה' הוא נחלתו. און עלטערן דארפן מתפלל זיין, איך וויל זעהן אז מיין קינד זאל זיין א בית ה', ער זאל קענען טון די עבודה אינעם בית המקדש, ער אליינס זאל קענען זיין א חלק פונעם בית המקדש. מיר וועלן זיין די שומרים, מיר וועלן זיי אפהיטן פון יעדע טומאה און זרות. און אפילו מען איז נישט זוכה אז א קינד זאל אויסוואקסן אזוי ווי מען האט געוואלט, איז ער אבער א פרח, ער איז א שיינער בלום פונעם בית ה'. דער שוואכסטער קינד, איז א בלום אין כלל ישראל. און די עלטערן דארפן צוטון דערצו, אז די שטוב זאל זיין א ריינע ערליכע

שטוב, עס זאל שטענדיג זיין א אטמאספער פון תורה, עבודת ה', און יראת ה'.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז די עלטערן זאלן זעהן אסאך נחת דקדושה, און די קינדערלעך זאלן אויסוואקסן תלמידי חכמים, יראי ה'. און מיר אלע אינאיינעם זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר החומש סעודה עלה **רבינו שליט"א** לבקר בחדרי הלימודים בהתלמוד תורה, יחד עם המנהל שליט"א וחברי ההנהלה שיחי', והתעניין על הלימודים, והביע קורת רוחו על ריבוי הלימודים בכמות ובאיכות, פרי עמלם של צוות המחנכים שליט"א.

אחר כך התקיים אסיפה עם עסקני והנהלת הבית חינוך לבנות '**בנות חנה**' דקהלתנו במאנסי. **רבינו שליט"א** נשא לפניהם דברי הדרכה וחיזוק, והאציל מברכותיו שיזכו למלא את תפקידם בחינוך הבנות על דרך ישראל סבא.

בשעות אחר הצהרים חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל כתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה על ידי הר"ר **מרדכי גלאזער** הי"ו, שהתקיימה בבית הר"ר **ישראל איצקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך עשה הר"ר **מרדכי גלאזער** הי"ו הגבהת הספר, **ורבינו שליט"א** גלל הספר תורה והניח עליו את מעיל הספר והכתר תורה, והוציא את הספר תורה לרחובה של עיר.

כשהגיע הספר תורה לפני בית מדרשנו, יצא **רבינו שליט"א** לקראת הספר תורה והכניסו לתוך הבית המדרש, שהיה מלא וגדוש בציבור רב זקנים עם נערים שבאו לשמוח בשמחת התורה. **רבינו שליט"א** רקד עם הנדבן הר"ר **מרדכי** הי"ו, ואחר כך נתכבדו שאר רבני וחשובי העדה לרקוד עם הספר תורה.

אחרי הריקודים אמר **רבינו שליט"א** את המזמור 'לדוד מזמור' פסוק בפסוק, אחר כך עלה **רבינו שליט"א** ביחד עם הנדבן לבימת הארון הקודש, וכיבד את הנדבן להכניס את הספר תורה לארון הקודש.

אחר כך התקיים בהפאליש סעודה לכבודה של תורה, **ורבינו שליט"א** נשא מדברותיו, אחר כך עמד לרקוד עם הנדבן הי"ו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** קען נישט בלייבען צו די סעודה, איך מוז אוועקגיין צו א שיעור. איך וויל קודם באגריסן רבי מרדכי זאל זיין געזונט, וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן די זכיה, ער האט געלאזט שרייבן א ספר תורה, און ער האט עס אריינגעגעבן מיט אזא גרויסע שמחה. מען דארף נישט זאגן די געוואלדיגע חשיבות פון יעדע מצוה, און כל שכן פון א מצוה וואס איז פארבונדן מיט אזויפיל טירחא, און געלט. די אונטערשטע מצוה אין די תורה איז, די מצוה פון ועתה כתבו לכם את השירה הזאת (דברים לא-יט), מען זאל שרייבן א ספר תורה.

**א** מצוה וואס מען טוט, איז עס אסאך מאל נאר לפי שעה. א מענטש טוט אן תפילין, איז בשעת ער האט אן די תפילין, איז ער מקיים א מצוה. א מענטש טוט אן ציצית, בשעת ער האט אן די ציצית, האט ער די מצוה. אבער א ספר תורה וואס א יוד שרייבט, דאס בלייבט אויף דורות. אפילו ווען דער מענטש איז שוין נישט אויף דעם עולם, פון דעסטוועגן דאך האט ער איבערגעלאזט א מצוה, וואס די מצוה גייט אן ווייטער און ווייטער. יעדן מאנטאג און דאנערשטאג און שבת נעמט מען ארויס זיין ספר תורה און מען לייענט דערין. איז עס א געוואלדיגע זכיה וואס מען האט, צו האבן א חלק אין א ספר תורה וואס עס בלייבט איבער א מצוה לדורות עולם.

**די** מצוה פון שרייבן א ספר תורה, ועתה כתבו לכם את השירה הזאת ולמדה את בני ישראל, דאס איז לימוד התורה פאר יודען. ווען מען נעמט ארויס א ספר תורה און מען לייענט דערין, איז מען מקיים די מצוה פון ולמדה את בני ישראל, די מצוה פון לימוד התורה. לימוד התורה איז שייך ביי א יוד אויף צוויי אופנים. אדער מען זיצט און מען לערנט אליין, אדער אז מען טוט צוהעלפן, אז אנדערע

זאלן קענען לערנען, מען איז מחזיק תורה. ווען מען שרייבט א ספר תורה, איז עס א ענין פון החזקת התורה, מען לאזט איבער א ספר תורה אז אנדערע זאלן קענען לערנען דערין. און דער וואס האט עס צוגעשטעלט האט א חלק אין די תורה וואס מען לערנט שפעטער.

*

**די** וואך אין די פרשה איז אויסגערעכנט די מתנות כהונה. דער אייבערשטער האט געהייסען אז מען דארף געבן פאר די כהנים און די לויים מתנות כהונה. עס איז דא כ"ד מתנות, פיר און צוואנציג מתנות. שבט לוי האט נישט באקומען א חלק ונחלה אין ארץ ישראל, זיי האבן נישט קיין שום זכות אין די ערד פון ארץ ישראל, זיי האבן נאר באקומען א פלאץ פון די שבטים, וואו זיי זאלן קענען וואוינען. - זיי האבן נישט גענומען א חלק אין די ביזה. ווען מען איז ארויסגעגאנגען אין די מלחמה, און מען האט אהיימגעברענגט א שלל, האבן זיי נישט געהאט קיין חלק דערין, ווייל זיי זענען אוועקגעגעבן צו דינען דעם אייבערשטען. און די עבודה פון כלל ישראל איז, צוצוהעלפן פאר זיי, אז זיי זאלן קענען דינען דעם אייבערשטען, קענען טון די עבודה אינעם בית המקדש.

**איך** האב געזען שטיין פונעם **אור שמח** (הובא בספר **יגדיל תורה** בפרשתנו), דער **אור שמח** האט געזאגט, מען האט געגעבן פאר די כהנים מתנות כהונה, חלף עבודתם אשר הם עובדים את עבודת אהל מועד (יח-כא), אנשטאט די ארבעט וואס זיי טוען אין בית המקדש. וויפיל טעג האט א כהן געטון די עבודה אין בית המקדש? זאגט ער, אז לויטן חשבון איז אויסגעקומען, אז א כהן האט נישט געטון די עבודה אין בית המקדש, מער פון צוויי טאג אין א יאר. עס איז געווען פיר און צוואנציג משמרות, יעדער האט געהערט צו איין משמר. אין א יאר איז דא בערך צוויי מאל פיר און צוואנציג וואכן. דאס מיינט אז א משמר איז אנגעקומען איינמאל זומער און איינמאל ווינטער. - אין יעדע משמר איז געווען ששה בתי אבות, יעדן טאג האט נאר איין חלק פונעם משמר געטון די עבודה. איז אויסגעקומען אז א כהן וואס האט געהערט צו א משמר איז געווען איין טאג וואס ער האט געקענט טון די עבודה אינעם בית המקדש. איינמאל זומער און איינמאל ווינטער. זאגט ער, חלף עבודתם, פאר צוויי טאג ארבעט וואס א כהן האט געטון, דארף מען אים אוועקגעבן אזויפיל מתנות כהונה?!

**האט** דער **אור שמח** געזאגט דערויף, ווען א כהן קומט טון די עבודה אין בית המקדש, איז נישט דער פשט אז ער האט געארבעט צוויי טאג, נאר זיך צוצוגרייטן צו טון א עבודה אין בית המקדש, האט ער געטון א גאנץ יאר. ער האט זיך צוגעגרייט א גאנץ יאר, כדי ער זאל קענען טון די עבודה אין בית המקדש. די הכנה צו די מצוה, דאס לערנען די הלכות פון די עבודה, נישט נכשל צו ווערן אמאל מיט א עבודה וואס מען האט נישט געדארפט צו טון, און די וועג ווי אזוי מען האט עס געדארפט צו טון. אפילו בפועל האבן זיי נישט געטון די עבודה מער פון צוויי טאג, זענען זיי אבער געווען פארנומען דערמיט די גאנצע צייט. און דער אייבערשטער האט געהייסען אז מען דארף געבן די מתנות כהונה, כדי מען זאל אויסהאלטן די וואס זענען בבית ה'.

*

**מען** זעהט נאך א דבר פלא אין די פרשה, אז מען האט געגעבן תרומה פאר די כהנים, און מעשר פאר די לויים. תרומה, האט מען גאנץ ווייניג געגעבן פאר די כהנים. מן התורה איז חטה אחת פוטרת את הכרי (חולין קלז:), און אפילו מען האט געגעבן בעין יפה, האט מען אויך נאר געגעבן אחד מחמשים, אדער אחד מארבעים, א פופציג'סטל חלק, אדער א פערציג'סטל חלק פון וויפיל מען האט געהאט. פאר דעם לוי האט מען געגעבן מעשר, א צענטל, און דער לוי האט געדארפט אראפנעמען מעשר מן המעשר, אוועקגעבן א צענטל פאר די כהנים. פארוואס האט געדארפט זיין די גאנצע שפיל, אז פארן כהן גיט מען ווייניג, און מען גיט אויך פארן לוי, און מען זאגט פארן לוי אז ער זאל אראפנעמען א צענטל פון וואס ער האט באקומען, און ער זאל עס געבן פארן כהן. מען האט געקענט מעיקרא אזוי טון. אנשטאט געבן פארן לוי, זאל מען זאגן, גיב ניין פארן לוי, און גיב איינס גראד אהין פארן כהן.

**די** תורה האט געוואלט, אז נישט נאר דער ישראל זאל האבן א חלק אין די כהונה, נאר דער לוי זאל אויך האבן א חלק אין די עבודה וואס דער כהן טוט. האט די תורה געזאגט, גיב דו פארן לוי, און דער לוי זאל אויך אוועקגעבן פון זיין חלק פארן כהן. ווייל יעדער יוד דארף האבן א חלק אין די תורה פון א צוויטן, און אין די עבודה פון א צווייטן. כהנים טוען די עבודת ה', דארף מען זיי ארויסהעלפן.

**אין רמב"ם** (הל' שמיטה ויובל יג-יג) שטייט, אז מיר האבן היינט נישט קיין שבט לוי, מיר האבן נישט קיין עבודה אין בית המקדש, אבער די וואס זיצן און לערנען תורה, די זענען היינט די שבט לוי פונעם אייבערשטען. און אויף כלל ישראל ליגט, אז מען זאל אויסהאלטן דעם שבט לוי. און דורך דעם וואס מען האלט אויס שבט לוי, האט מען א חלק אין די תורה הק'.

**דער** אייבערשטער האט געגעבן די זכיה פאר רבי מרדכי אז ער האט אריינגעגעבן א ספר תורה, וואס איז די בחינה פון מחזיקי תורה, מען שטעלט צו א ספר תורה פאר די וואס ווילן ליינען אין די ספר תורה, אז זיי זאלן קענען ליינען. זאל אים דער אייבערשטער געבן, אז ער זאל ווייטער אויך קענען טון אסאך מצוות און מעשים טובים, מיט לאנגע געזונט יארן, קענען אנהאלטן זיין החזקת התורה אויף שפעטער אויך. דער אייבערשטער זאל אונז אלע בענטשען מיט די ברכות הכתובות בתורה, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר (משלי ג-יח). און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בציעת הפת סימן קס"ז סעיף י') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די פאריגע וואך, אין די פרשה פון די מרגלים, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, שלח לך אנשים ויתורו את ארץ כנען (במדבר יג-ב). שלח לך אנשים, שיק צו דיר. רש"י זאגט, לך מיינט לדעתך, שיק אויף דיין מיינונג. רש"י טייטשט, אז דער אייבערשטער האט אים נישט מצווה געווען, נאר משה רבינו האט פון זיך אליין געשיקט. עס קען זיין א גדאנק, פארוואס רש"י זאגט, שלח לך, אז דער אייבערשטער האט געזאגט לדעתך.

**די** גמרא (שבת פז.) זאגט, אז משה רבינו האט געטון דריי זאכן מדעתו, און דער אייבערשטער האט מסכים געווען על ידו. איינס האט ער געטון בשעת קבלת התורה, ער האט מוסיף געווען יום אחד מדעתו. דער אייבערשטער האט געהייסען אז מען זאל זיך צוגרייטן היום ומחר (שמות יט-י), היינט מיט מארגען, און משה רבינו האט געזאגט לשלשת ימים (שם יט-טו), ער האט צוגעגעבן איין טאג, און ער האט אפגעשטופט מתן תורה. און דער אייבערשטער האט מסכים געווען על ידו. די צווייטע זאך וואס ער האט געטון איז געווען נאך מתן תורה, ער האט זיך פורש געווען פון צפורה, און דער אייבערשטער האט מסכים געווען על ידו. די דריטע זאך האט ער געטון ביים חטא העגל, ווען ער איז אראפגעקומען און ער האט געזען אז מען האט געזינדיגט מיטן עגל, האט ער גענומען די לוחות, און ער האט עס צובראכן, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, יישר כחך ששיברת. קומט אויס, אז שבירת הלוחות האט משה רבינו געטון מדעתו. דער באשעפער האט אים נישט געהייסען אז ער זאל עס טון, אבער משה רבינו האט געהאלטן אז דאס איז די בעסטע אויסוואל וואס ער קען טון אראפצונעמען די חרון אף, אז יודען האבן נישט מקבל געווען די תורה. ער האט נישט איבערגעגעבן די לוחות, נאר ער האט צובראכן די לוחות.

**עס** שטייט אין די גמרא (עירובין נד.), אז דאס וואס משה רבינו האט צובראכן די לוחות, האט מיטגעברענגט מיט זיך צוויי פראבלעמען. איינס, אז עס האט צוגעברענגט צו שכחת התורה, אז מען זאל פארגעסן דאס לערנען. ווילאנג מען האט געהאט די לוחות הראשונות, האט מען נישט פארגעסן וואס מען האט געלערנט. חרות על הלוחות (שמות לב-טז), עס איז געווען אזוי ווי א זאך

וואס איז איינגעקריצט, און עס ווערט נישט אפגעמעקט, אזא כח האט געהאט די לוחות הראשונות, אז מען האט נישט פארגעסן וואס מען האט געלערנט. אבער ווען משה רבינו האט גענומען די לוחות הראשונות, און ער האט עס צובראכן, איז געווארן שכחה, און אז מען לערנט פארגעסט מען.

**א** צווייטע פראבלעם זאגט די גמרא (שם), איז צוגעקומען ווען משה רבינו האט צובראכן די לוחות, די לוחות הראשונות איז געלעגן דערין א כח, אז קיין שום אומה ולשון האט נישט געקענט שולט זיין אויף יודען. אל תקרי חרות על הלוחות אלא חירות, די לוחות האט מיטגעברענגט חירות. ווען משה רבינו האט צובראכן די לוחות, איז אויס חירות, עס איז שוין דא שיעבודים פון גוים אויך, יודען זענען א פאלק אזוי ווי אלע אנדערע פעלקער. עס איז נישט דא די מעלה וואס יודען האבן, אז זיי זענען שולט אויף אלע פעלקער, אז זיי זענען חרות פון אומות העולם.

**עס** איז דא א שיין ווארט פונעם **משך חכמה** (פ' כי תשא), מען געפונט אין פרשת משפטים, אז עס שטייט די מצוה פון עולה רגל זיין, שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך אל פני האדון ה' (שמות כג-יז). דריי סדרות שפעטער, אין פרשת כי תשא, ווערט נאכאמאל דערמאנט די מצוה פון שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני האדון ה' (שם לד-כג), און דארט שטייט שוין א הבטחה, ולא יחמוד איש את ארצך בעלותך לראות את פני ה' אלקיך, קיינער וועט נישט גלוסטן דיין לאנד, ווען דו וועסט ארויפגיין עולה רגל זיין. דאס איז טייטש, אז יודען וואלטן געקענט ארויפגיין עולה רגל זיין, און זיי וואלטן געהאט א פחד איבערצולאזן די שטוב אליין. אלע מענער האבן איבערגעלאזט אלע זייערע שטעט, און זיי זענען ארויפגעגאנגען קיין ירושלים, קענען דאך קומען די אויבים און איינעמען די אלע שטעט, און צונעמען אלעס וואס איז דא. האט דער אייבערשטער געגעבן א הבטחה, ולא יחמוד איש את ארצך, קיינער וועט אפילו נישט גלוסטן. די גמרא (פסחים ח:) זאגט, אז מען האט געקענט איבערלאזן די בהמות אינדרויסן, און ווען מען איז אהיימגעקומען האט מען געטראפן די פרה אויפן פעלד, און די תרנגול האט מנקר געווען אין די אשפה, עס איז נישט געווען קיין שום אפעטיט פון גוים, אז זיי זאלן קומען און עפעס צונעמען ווען א יוד איז געגאנגען עולה רגל זיין. פרעגט דער **משך חכמה**, פארוואס אין פרשת משפטים, די ערשטע מאל, האט דער אייבערשטער נישט געזאגט, ולא יחמוד איש את ארצך, און אין פרשת כי תשא, דארט שטייט די הבטחה פון ולא יחמוד איש את ארצך.

**זאגט** ער זייער שיין, פרשת משפטים איז דאך געווען פארן חטא העגל, און פארן חטא העגל איז דאך געווען די לוחות הראשונות, האבן די אומות העולם נישט געהאט קיין שליטה אויף יודען, עס איז דאך געווען חירות על הלוחות. קומט אויס, אז אפילו מען האט נישט עולה רגל געווען, איז אויך געווען ולא יחמוד איש את ארצך, אומות העולם האבן נישט געהאט קיין שליטה אויף יודען. האט מען נישט געדארפט געבן א הבטחה, אז ווען מען וועט עולה רגל זיין וועט מען נישט גלוסטן צו דיין לאנד, ווייל אפילו ווען מען האט נישט עולה רגל געווען, איז אויך געווען חירות על הלוחות, ווען מען האט באקומען לוחות הראשונות, איז מען געווארן חירות מן האומות העולם. פרשת כי תשא איז שוין נאכן חטא העגל, נאכן חטא העגל וואס משה רבינו האט צובראכן די לוחות איז שוין בטל געווארן די חירות על הלוחות, קומט אויס, אז פון יעצט אן קענען שוין די אומות העולם שולט זיין אויף אונז, וועט דאך א מענטש מורא האבן עולה רגל צו זיין, ווייל אפשר וועלן קומען די אויבים, יעצט האט אויסגעפעלט א הבטחה פונעם אייבערשטען, ולא יחמוד איש את ארצך בעלותך לראות את פני ה'.

**קומט** אויס, אז ווען מען האט געהאט די לוחות הראשונות האט מען נישט געדארפט מורא האבן פון די אומות העולם, זיי האבן זיך נישט געקענט אקעגן שטעלן יודען, נאר ווען מען האט צובראכען די לוחות, פון דעמאלטס אן האט מען שוין א פראבלעם מיט אומות העולם. - ווילאנג משה רבינו האט נישט צובראכען די לוחות, און עס איז געווען חירות על הלוחות, מען האט געהאט חירות פון די אומות העולם, האט מען נישט געדארפט האבן קיין

מרגלים צו גיין שפיאנירן ארץ ישראל, צו וויסען וואו די אויבים זענען שוואכער און וואו די אויבים זענען שטארקער, און פון וועלכע זייט מען זאל אריינגיין, פון וואו מען זאל פירן די מלחמה. ווייל מען האט געקענט אריינגיין פון וואו מען האט געוואלט, דער אייבערשטער האט געגעבן א חירות פון די אומות העולם, און די אומות העולם קענען גארנישט טון. אבער ווען משה רבינו האט צובראכען די לוחות, איז דאך אוועקגענומען געווארן דער חירות על הלוחות, און אז עס איז צוגענומען געווארן, דארף מען האבן מרגלים.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, שלח לך, לדעתך, צוליב א זאך וואס דו האסט געטון לדעתך, דו האסט צובראכען די לוחות לדעתך, עס איז נאר הסכים הקב"ה על ידו. לך, וואס דו האסט געטון אליין, לדעתך, דאס וואס דו האסט געטון לדעתך, דו האסט צובראכען די לוחות, וועגן דעם פעלט יעצט אויס אז מען דארף שיקן די מרגלים, ויתורו את הארץ. ווען נישט דעם לדעתך, ווען דו וואלסט נישט צובראכען די לוחות, וואלט מען דאך געהאט די מעלה פון די לוחות הראשונות, און עס וואלט געווען חירות על הלוחות, וואלט מען נישט געדארפט שיקן די מרגלים. נאר לדעתך דארף מען שיקן די מרגלים.

*

**איך** האב געזען א שיין ווארט אויף שלח לך. רש"י זאגט ביי לך לך מארצך (בראשית יב-א), להנאתך ולטובתך, עס איז פאר דיין טובה. די מרגלים האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז געווען א געוואלדיגע טובה פאר משה רבינו. ווייל ווען יודען זאלן דעמאלטס אריינגיין קיין ארץ ישראל, וואלט דאך געווען משה מת ויהושע מכניס, אזוי האבן דאך אלדד ומידד מתנבאים געווען במחנה (במדבר יא-כז). משה רבינו קען נישט אריינגיין קיין ארץ ישראל, און יהושע וועט אריינטראגן. וואלט דאך אויסגעקומען אז משה רבינו וואלט געדארפט שטארבן די ערשטע יאר וואס מען איז אין מדבר. און דורך דעם וואס מען האט געשיקט די מרגלים, און דאס האט צוגעברענגט דערצו אז מען איז געבליבן נאך פערציג יאר אין מדבר, האט משה רבינו צובאקומען נאך פערציג יאר צו זיין לעבן.

האט אים דער אייבערשטער געזאגט, שלח לך אנשים, עס איז להנאתך ולטובתך, איך קען דיר נישט הייסען שיקען, אבער אז דו וועסט שיקן, וועט עס זיין פאר דיין הנאה, ווייל עס וועט גורם זיין, אז דו וועסט האבן דורך דעם אריכת ימים.

*

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אליעזר ליבערמאן** ע"ה.

***מתוך השיחה:***

**א' האבלים:** מיין טאטע ז"ל האט געוואוינט מיטן **קראסנער רב זצ"ל** צוזאמען אין דייטשלאנד און אין פאריז. און ער האט האט דעמאלטס געשריבן די תורות פונעם **קראסנער רב**, א חלק דערפון האט מען געדרוקט אינעם ספר **כוונת הלב**. מיין טאטע איז פונקט נישט געווען אין פאריז ווען דער **קראסנער רב** האט מספיד געווען דעם **בילגערייער רב**, און ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער געפרעגט דעם רב, צו ער קען אים איבערזאגן דעם הספד אז ער זאל עס קענען ארייגשרייבן אינעם קונטרס. האט אים דער **קראסנער רב** געזאגט, גיב מיר דיין קונטרס, איך וועל דיר עס אראפשרייבן.

איך בין געווען פאריגע וואך ביי הרב **חיים הערש עהרענרייך** שליט"א, האט ער מיר פארציילט, אז זיין טאטע (הגה"צ רבי יהושע עהרענרייך זצ"ל אב"ד שאמלויא) האט אים געזאגט, אז דער **שאמלויא'ער רב** איז געווען א מוהל, אבער ער האט זיך נישט באנוצט מיט די מוהלות אין אנפאנג, ביז **רבי ברוך בענדיט ליכטענשטיין זצ"ל** (אב"ד קראסנא) האט אים געלאדענט צו זיין מוהל, ווען רבי הלל איז געבוירן. און דער ערשטער ברית וואס ער האט געמאכט, איז געווען ביים **קראסנער רב**. און נאכדעם איז ער געווארן אפיציעל א מוהל.

**רבינו:** און נאכדעם איז ער געווארן זיין איידעם (בזיווג ראשון).

**א' האבלים:** די משפחה זאגט, אז ער איז געגאנגען זיך פארהערן די הוראה ביים **שאמלויא'ער רב**, דער טאטע האט אים געשיקט צו נעמען התרת הוראה, און דער **שאמלויא'ער רב** האט צוריקגעשיקט פארן פאטער צוויי ענוועלאפס. אין איינס איז געווען די התרת הוראה, און אין די צווייטע האט

ער אים געשיקט א בריוו אז ער וויל אים נעמען פאר א איידעם.

**רבינו:** ער האט נעבעך נישט געהאט קיין קינדער. איך האב געהערט פון **מיין טאטן ז"ל**, אז ער האט אים געזאגט. אז פאר די קריג האט ער זיך אלץ געֹערגערט אז זי קען נישט האבן קיין קינדער, אבער איך זעה אז נאכדעם האב איך געוומען א בת בנים, און איך האב אויך נישט געהאט, איז א סימן אז איך האב נישט געקענט האבן קיין קינדער.

**א' האבלים:** ער האט געזאגט, אז די וועלט מיינט אז איך האב גענומען מיין כח הדרוש פון די ליכטענשטיין'ס [**רבי הלל מקולמיי**], דער טאטע איז דאך נישט געווען קיין מגיד. האט ער געזאגט, די דרשות וואס איך האב געהאלטן, האב איך גענומען פון מיין שווער (**הגה"ק משימלויא זצ"ל**).

*

***יום שני פרשת קרח***

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרב **מתתי' ציגעלהיים** שליט"א, שהתקיים באולם שמח תשמח.

*

***יום שלישי פרשת קרח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **אשר לעמיל לעפקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אשר לעמיל לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם דעקאריעם.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הדינער של המוסד '**למען אחי**' שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** במסיבה לטובת הכולל בוויליאמסבורג, שהתקיים בבית חתנו **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**, ראש הכולל, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען פאר החזקת התורה, מחזיק צו זיין דעם כולל. אלע וואס זענען דא וויסען בשבחו פונעם כולל, יונגעלייט נאך די חתונה דארפן האבן א מקום תורה וואו מען זאל זיך קענען משלים זיין, און עס קומען ב"ה ארויס זייער שיינע פירות פון דארט. מיין איידעם, דער ראש הכולל זאל זיין געזונט, גיט אוועק זיין טאג דערפאר, און רבי מיכל גיט זיך אוועק משלים צו זיין וואס עס פעלט אויס.

**די** וואך אין די פרשה איז דא די מצוה פון די כ"ד מתנות כהונה, וואס מען האט געדארפט געבן פאר שבט לוי. עס איז כמעט נישט דא א ריר וואס א מענטש האט געטון, וואס ער זאל נישט דארפן אראפנעמען דערפון א חלק, און אוועקגעבן פארן כהן. האט ער געשניטען תבואה פונעם פעלד, האט ער געדארפט אוועקגעבן תרומה און מעשר. האט ער אפגעשוירן די וואל, האט ער געדארפט געבן ראשית הגז. אויב עס איז געבוירן א בכור, האט ער געדארפט אוועקגעבן די בכור פארן כהן. יעדע זאך וואס א מענטש האט עפעס פארדינט, האט די תורה געהייסן, אז מען זאל אוועקגעבן א חלק דערפון פאר שבט לוי. חלף עבודתם אשר הם עובדים את עבודת אהל מועד (יח-כא), זיי טוען די עבודה פונעם אייבערשטען. המון עם וואס איז עוסק על המחיה ועל הכלכלה, דארף באצאלען פאר שבט לוי. זיי האבן נישט קיין נחלה אין ארץ ישראל, זיי האבן אויך נישט באקומען קיין ביזה, האט יעדע יוד געדארפט געבן די כ"ד מתנות כהונה, כדי צו האבן א חלק אין זייערע עבודה.

**און** דער פסוק רופט עס אן, אז דאס איז ברית מלח עולם (במדבר יח-יט), דער אייבערשטער האט עס געמאכט פאר א ברית מלח. רש"י טייטשט, מלח איז א זאך וואס איז קיים לעולם, עס ווערט קיינמאל נישט נסרח, עס ווערט קיינמאל נישט פארדארבן, דאס איז די איינציגסטע מאכל וואס בלייבט אויף שטענדיג, אזוי אויך איז די כ"ד מתנות כהונה, א ברית עולם פאר די לויים.

**נאכדעם** שטייט אין פסוק, אז ווען מען נעמט אראפ די תרומה זאל מען אראפנעמען את חלבו (שם יח-לב), מען זאל אראפנעמען די בעסטע, און דאס דארף מען אוועקגעבן פאר די לויים. דאס מיינט אז אלע פירות וואס ער איז מפריש, כאטש

עס איז דא פארשידענע סוגים דערין, מען קען געבן פון די שוואכערע, און פון די בעסערע. איז א מצוה, אז מען זאל געבן פון די בעסטע וואס מען האט (רמב"ם הל' איסורי מזבח ז-יא). בהרימכם את חלבו, די בעסטע דארף מען אועקגעבן פארן לוי. פארוואס רופט ער אן די בעסטע וואס מען גיט אוועק, אז דאס איז די חלב. חלב זאגט מען געווענליך ביי א פעטע בהמה, א בהמה שמינה איז א חשיבות, אבער ווען מען רעדט פון תבואה, פארוואס רופט מען עס אן, את חלבו, מען זאל אוועקגעבן די חלב, די בעסטע, פארן כהן. און פארוואס איז ער עס מדמה פונקט צו מלח, צו זאלץ.

**די** גמרא (כתובות סו:) זאגט, אז ביים חורבן בית המקדש האט רבי יוחנן בן זכאי געזען די טאכטער פון נקדימון בן גריון, וואס ער איז געווען א געוואלדיגער עושר, אז זי האט נישט געהאט וואס צו עסן, און זי האט ארויסגענומען ווייצלעך פון די גללים פון די בהמות וואס איז געווען דארט, כדי זי זאל קענען דערפון עסן. און רבי יוחנן בן זכאי האט איר געפרעגט, ווער זי איז. האט זי געזאגט, איך בין א טאכטער פון נקדימון בן גוריון. האט רבי יוחנן בן זכאי געזאגט, ווען יודען זענען עולה, זענען זיי עולה עד לשמים, און אז נישט, זענען זיי נשפלים עד לעפר. און ער האט איר געפרעגט, דיין טאטע איז דאך געווען א גרויסער עושר, וואס איז געווארן מיט זיין פארמעגן, אז דו האסט נישט. האט זי געענטפערט, די משל וואס מען פלעגט אמאל צו זאגן, מלח ממון חסר, אז די זאלץ פון געלט איז וואס מען טוט עס מחסר זיין אויף צדקה. ווען מען האט אמאל געוואלט אז א זאך זאל זיך האלטן, האט מען עס אריינגעלייגט אין זאלץ, און די זאלץ האט געהאלטן אז די זאך זאל נישט קאליע גיין. 'מלח ממון' וואס טוט האלטן די געלט, אז עס זאל נישט קאליע גיין, אז עס זאל נישט פארלוירן ווערן פון אים, דאס איז 'חסר', ווען א מענטש איז מחסר פאר צדקה, דאס איז דער זאלץ פונעם ממון. מיין טאטע האט נישט געגעבן קיין צדקה, איז זיין געלט קאליע געווארן. האט ער איר געפרעגט, דו האסט דאך אויך באקומען געלט פון דיין שווער, וואס איז געווארן מיט דיין שווער'ס געלט. זעהט אויס אז דער שווער איז יא געווען א בעל צדקה. האט זי געענטפערט, בא זה ואיבד את זה, אזוי ווי אין מיין טאטע'ס געלט איז נישט געווען א ברכה, און עס איז געווען אויסגעמישט די ביידע געלטער צוזאמען, האט עס קאליע געמאכט יענע געלט אויך.

**פרעגט** די גמרא, נקדימון בן גוריון האט נישט געגעבן קיין צדקה?! נקדימון בן גוריון פלעגט דאך יעדן טאג אויסשפרייטן טעפיכער פון זיידן, ווען ער איז אדורכגעגאנגען, און ער האט עס איבערגעלאזט פאר די עניים אז זיי זאלן עס אהיימנעמען. ענטפערט די גמרא צוויי תירוצים. איינס, לכבודו הוא דעבד, ער האט עס געטון פאר זיין כבוד, ער האט עס נישט געטון לשם שמים. נאכדעם זאגט די גמרא, כדבעי ליה למיעבד לא עבד. ער איז געווען א געוואלדיגער עושר, און וויפיל ער האט געקענט טון פרעצענטאעל אין זיין עשירות, האט ער נישט גענוג געגעבן. לפום גמלא שיחנא (שם), יעדע גמל, ווי גרעסער דער גמל איז, ווי מער כח ער האט, טוט מען אים מער אנלאדענען. אפילו נקדימון בן גוריון האט טאקע געגעבן אזוי סאך, ער האט געלאזט אוועקגעבן זיינע כלי מילת וואס מען האט אויסגעשפרייט, אבער עס איז נישט צוגעקומען צו דעם וואס ער וואלט ווען געדארפט צו געבן, איז קאליע געווארן זיין געלט, און עס איז נישט געבליבן דערפון.

**זעהט** מען, אז די גמרא רופט אן, אז די צדקה וואס א מענטש גיט, דאס איז דער מלח פון ממון, דאס איז די זאלץ וואס מען טוט באזאלצן די פארמעגן, אז עס זאל בלייבן. - די תורה איז מחייב צו געבן די כ"ד מתנות כהונה, ווען א מענטש טראכטן, אז דאס איז זיין פארמעגן, ער גיט אוועק אלעס וואס ער האט, דא דארף ער אוועקגעבן א צענטל פארן לוי, און פארן כהן. און פון אלעם וואס ער האט, נעמט מען צו פון אים א חלק דערפון. זאגט די תורה, ניין, ברית מלח עולם, די כ"ד מתנות כהונה דאס איז דער מלח, די זאלץ, וואס טוט האלטן דאס געלט. נישט אז מען פארלירט געלט פון דעם וואס מען גיט אוועק דאס געלט, נאר דאס טוט אויפהאלטן די ממון.

**אין** פסוק ווערט צדקה אנגערופן זריעה, זרעו לכם לצדקה (הושע י-יב). צדקה איז אזוי ווי א זריעה, ווען

א מענטש טוט איינזייען א פעלד, נעמט ער חיטים און ער שפרייט עס אויס אויפן פעלד. עס גייט אריין אין די ערד, עס ווערט פארפוילט, עס ווערט נחסר פון זיין ממון, אבער פון דעם הייבט אן צו וואקסן. און עס וואקסט פופציג מאל מער פון וואס ער האט אריינגעלייגט. ווען איינער טוט איינזייען זיין פעלד, און ער וויל שפארן, ער גייט נישט מאבד זיין אזויפיל ווייצלעך. ער שפארט? ער מאכט זיך קאליע! אויב דו וועסט ווייניגער ארויסלייגן, וועט ווייניגער וואקסען. זרעו לכם לצדקה, צדקה וואס א יוד גיט, דאס איז די בחינה פון א זריעה. מען גיט טאקע, אבער מען פלאנצט מיט דעם איין, דורך דעם וועט וואקסען מער. די תורה האט עס אנגערופן, ברית מלח עולם, אזוי ווי זאלץ. אזוי ווי זאלץ האלט די פירות, אזוי אויך האלטן די כ"ד מתנות כהונה, די פארמעגן פון א מענטש.

*

**עס** איז מיר היינט אויסגעקומען צו טרעפן א כתב יד פונעם זיידן דער **שאמלויא'ער רב**, עס איז א כתב יד, עס איז נאך נישט געדרוקט. עס איז א ביכל וואס ער האט געשריבן פאר זיך אלץ יונגערמאן. נאך די חתונה האט ער געוואוינט אין די שטעטל סיקס, און ער האט זיך אויפגעשריבן דארט חידושי תורה, און דברי אגדה, וואס ער האט געהערט א שיין ווארט וכדומה. ער איז נאך דעמאלטס נישט געווען אזא מגיד ווי ער איז געווען אין די שפעטערדיגע יארן, אבער ווי ער האט געהערט א שיין ווארט, וואס ער וועט קענען שפעטער נוצן, האט ער עס פארשריבן.

**אין** די שטאט סיקס איז געווען דער רב, **רבי שאול עהרענפעלד זצ"ל**, ער איז געווען א ברודער פונעם **חתן סופר**, און ער ברענגט דארט צו, צענדליגער זאכן וואס ער האט געהערט פון דעם **סיקס'ער רב**. זעהט אויס אז ער איז געווען א גוטער מגיד, ער האט שיין געטייטשט, און מן הסתם זענען די זאכן נישט געדרוקט אין ערגעץ, און ער האט זיך עס אליין אויפגעשריבן. ברענגט ער צו א ווארט פונעם **סיקס'ער רב**, וואס איך מיין אז עס איז נוגע אהער. שמעתי, איך האב געהערט פונעם רב אין די שטאט. אז ער האט געזאגט, אז אין פסוק שטייט, אז שלמה המלך האט גענומען דעם ארון, און ער האט עס אריינגעלייגט אינעם בית המקדש, און די בדים פונעם ארון זענען געווען זייער לאנג, ויאריכו הבדים (מלכים א ח-ח), די בדים זענען געווען לאנג, עס איז געווען לענגער פון די קדשי קדשים אליין, אז עס איז ארויסגעשטאנען אין די פרוכת וואס האט מפסיק געווען צווישן דעם קדשי קדשים און קדשים, אז מען האט געזען ווי די צוויי שטאנגען שטארן ארויס פון די פרוכת. און די גמרא (יומא נד.) רופט עס אן, אז די פרוכת האט אויסגעקוקט אזוי ווי צוויי דדי אשה. בין שדי ילין (שיר א-יג), צווישן די שדים איז געווען די שכינה, דארט איז געווען דער ארון.

**ער** זאגט עס בקיצור, אבער איך וועל עס אביסל מער מסביר זיין. דער ארון, דאס ווייזט אויף די תלמידי חכמים וואס זיצען און לערנען תורה. די בדים, די טראגען די ארון, דאס איז די מחזיקי תורה, וואס זיי טוען מחזיק זיין די תורה, אן זיי קען דער ארון נישט גיין. אויף די בדים שטייט (שמות כה-טו) לא יסורו ממנו, אז מען האט קיינמאל נישט געטארט אוועקנעמען די בדים. עס שטייט אין **אלשיך הק'**, לכאורה איז דאך די בדים נאר געווען כדי אז ווען מען גייט ממקום למקום, זאל מען קענען טראגען דעם ארון. אבער אז מען רוהט אויף איין פלאץ, דארף מען נישט דארט די בדים. און כל שכן ווען דער בית המקדש איז געווארן אויפגעשטעלט האט מען דאך אוודאי נישט געטראגען דעם ארון פון איין פלאץ צום אנדערן פלאץ, און פון דעסטוועגן דאך איז געווען די מצוה, אז מען האט נישט געטארט ארויסנעמען די בדים פונעם ארון, אייביג דארף עס זיין דארט. זאגט דער **אלשיך הק'**, ווייל די תורה האט געוואלט ווייזן, אז די מחזיקי תורה דארפן שטענדיג שטיין נעבן די תורה. ווען מען וועט דארפן ערגעץ טראגען די תורה, זאלן זיי זיין דארט, און זיי זאלן עס טראגען, האט מען נישט געטארט אוועקנעמען די בדי ארון פון די ארון. אויף די בדי ארון שטייט (שם כה-יג), וצפית אותם זהב, עס איז געווען באגילדעט מיט גאלד, זיי זענען די וואס האבן געדארפט מחזיק זיין דעם ארון.

**שלמה** המלך האט געמאכט דעם ארון אין בית המקדש, האט ער געמאכט לאנגע בדים. מען האט דאך געוואוסט די מאס פונעם בית המקדש, און די

בדים דארפן דאך נישט זיין לענגער, מען האט עס אבער געמאכט בכוונה לאנג, עס זאל ארויסשטארן אינעם קודש, אז מען זאל זעהן ווי אזוי די בדים קומען ארויס. זאגט ער, אז דער טעם דערפון איז, מען זעהט ווען א קינד ווערט געבוירן, איז עס אומבאהאלפן. עס קען נישט עסן, עס האט נישט וואס צו עסן. און דער אייבערשטער האט געמאכט בטבע, אז די מאמע באקומט מילך, כדי זי זאל קענען געבן צו עסן פארן קינד. ווילאנג די מאמע גיט מילך פארן קינד, אזוי לאנג האט זי מילך. ווען דאס קינד הערט אויף צו זייגן, ווערט צוגענומען די מילך פון די מאמע. די מאמע באקומט מילך, אבער זי באקומט נישט די מילך פאר זיך, נאר זי באקומט די מילך כדי זי זאל קענען זייגן דאס קינד. לויט דעם באקומט זי די מילך.

**קומט** אויס, אז די שדים פון א אשה, וואס די אייבערשטער האט אריינגעלייגט א כח פון מילך אינעם גוף, איז כדי צו געבן פאר די קינדער. דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן, אז די בדי הארון, דאס וואס זיי פארמאגן, איז נישט ווייל זיי זענען עס ווערט, און עס קומט זיך פאר זיי, נאר דער באשעפער האט עס פאר זיי געגעבן, כדי זיי זאלן קענען זיין די מחזיקי התורה. ויאריכו הבדים, מען האט אויסגעצויגן די בדים, כדי עס זאל זיין אזוי ווי שני שדים פון א אשה, צו ווייזן, שדים פון א אשה איז דאך וואס גיט די מילך פארן קינד, און דאס גאנצע מילך וואס זי האט, איז דאך נאר כדי צו געבן פארן קינד, אזוי אויך זאלן די בדי הארון וויסען, אז זיי זענען אזוי ווי די שדים. ווילאנג זיי וועלן געבן, וועט דער אייבערשטער זיי געבן. און טאמער זיי געבן נישט, און דאס קינד האט נישט וואו צו נעמען, וועט דער באשעפער דאס צונעמען פון זיי אויך. אזוי ברענגט ער צו פונעם **סיקס'ער רב.**

**די** תורה האט געזאגט, אז מען זאל געבן די כ"ד מתנות כהונה. קוקט דאך עס אויס פאר א מענטש אז ער פארלירט. דא דארף ער געבן, און דארט דארף ער געבן. דערוויל גיט ער נישט, נאר ער נעמט. אזוי ווי די מילך פון א קינד, וואס דער אייבערשטער גיט פאר די מאמע, איז נאר כדי דאס קינד זאל האבן צו זייגן. אזוי איז דער פארמעגן וואס דער מענטש האט, איז כדי ער זאל עס קענען אוועקגעבן פאר תורה. האט די תורה געזאגט, בהרימכם את חלבו ממנו, מען דארף אוועקגעבן די בעסטע וואס מען האט. און פאר א מענטש איז דאך שווער אוועקצוגעבן דאס בעסטע וואס מען האט, אבער באטראכט עס כאילו עס איז די מילך פון די מאמע. די מילך פון די מאמע איז נאר, ווייל זי גיט אוועק, וועגן דעם האט זי עס. און ווען זי הערט אויף צו געבן, דעמאלטס באקומט זי עס נישט. ווען דו וועסט וויסען אז דאס וואס דו גיסט אוועק איז אזוי ווי די מאמע גיט פארן קינד, און דורך דעם האט זי איר שפע, דעמאלטס וועסטו געבן את חלבו, וועסטו געבן די בעסטע וואס דו האסט.

**מען** קומט זיך צוזאם מחזיק צו זיין תורה, זאל דער אייבערשער בענטשען די אלע וואס האבן א חלק אין החזקת התורה, אז די תורה זאל זיי באגלייטן מיט די ברכות פון די תורה, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר (משלי ג-יח), און זיי זאלן זוכה זיין צו האבן א חלק אין די תורה. די לומדי תורה זאלן קענען זיצען און לערנען, און די מחזיקי התורה זאלן קענען אויסהאלטן תורה. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת קרח***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **דוד מענצער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם, ומסר ברכות וקריאת השם **לכ"ק האדמו"ר מפאפא ב"פ שליט"א.** אחר הברית השתתף בהסעודה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** בסעודת הילולא של זקינו **הגה"ק מסערדאהעלי זצוק"ל** (בעל ולאשר אמר), ובנו **הגה"צ רבי משה יהודא כ"ץ זצוק"ל** (בעל ויגד משה), שהתקיים בבית המדרש סערדאהעלי. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכת המזון.

*

***יום חמישי פרשת קרח***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לעיר לאנג איילענד, לקצירת חיטים למצות מצוה עבור חג הפסח שנת תשע"ח הבעל"ט.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לעבר הבית החיים בעיר בארא פארק (רחוב 21) והתפלל על ציון זקנו **הרה"צ רבי יעקב עהרענרייך זצ"ל** (חתן הגה"ק בעל קול ארי' זי"ע, ואביו של הגה"ק משאמלויא זצ"ל) ביומא דהילולא.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא. בסוף השיעור השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה לימי הקיץ.

***וזה תוכן הדברים:***

**איך** וויל זאגן אפאר ווערטער. מען גייט דאך אוועק אויפן זומער, יעדער ווייסט אז זומער האט אין זיך אסאך שווערע זמנים, אבער עס האט זייער אסאך גוטע זמנים אויך. די שוועריקייט איז, די נסיונות פונעם זומער, וואס איז אסאך שווערער פון א אנדערע מאל. מען דארף זיך היטן די אויגן, זיך נישט ארומדרייען אויף די גאסן, און גיין אויף פלעצער וואו מען דארף נישט צו גיין. אבער עס האט גוטע זמנים אויך, מען איז נישט אזוי פאריאגט ווי מען איז פאריאגט א גאנץ יאר, און מען קען נעמען די וויקעשא"ן און מאכן פון דעם א רוחניות'דיגע וויקעשאן. מען קען זיך אויסרוען, און מיט נעמען מיט זיך די גמרא, אדער וואס מען וויל אויפטון במשך פון דעם זומער. ווען א מענטש גרייט זיך צו דערצו, איז עס אנדערש ווי אויב ער האט זיך נישט צוגעגרייט. פונקט ווי ווען ער גייט אוועק ערגעץ אויף וויקעשאן, גרייט ער זיך צו אלע גשמיות'דיגע זאכן, אזוי דארף ער זיך צוגרייטן זיין רוחניות אויך. מען דארף זיך מאכן א פלאן, וואס ער וויל ענדיגן אין די דריי חדשים, תמוז אב און אלול, ביז די הייליגע טעג. און יעדער קען נעמען א גאנצע מסכת אדורכלערנען אין די דריי חדשים. אבער עכ"פ וואס מען לערנט, זאל מען אנהאלטן די קביעות דערפון.

**מען** גייט אסאך ארום, די וואס דרייווען מיט די קארס, זאל מען צוגרייטן טעפ"ס און סי. די. אין די קאר. מען קען היינט האבן כל התורה כולו, יעדער קען לערנען במקום שלבו חפץ, וואס ער וויל, חומש רש"י, משניות, גמרא, דרשות, מען קען זיין מלא תורה. **אנשטאט הערן נארישקייטן און אנברענגען די צייט, קען מען די גאנצע צייט זיין אנגעפולט מיט תורה.** איך בין אסאך מעורר דערויף, און איך זאג עס נאכאמאל איבער, **עס איז כדאי אז יעדער זאל האבן פאר זיך א מעשה ביכל פון א צדיק, תולדות פון א אדם גדול, און ער זאל עס אדורכלערנען אין משך פונעם זומער, ווען ער האט צייט.** נישט אייביג ליגט די קאפ אין לערנען, אבער ווען מען זיצט אינדרויסן אנגעלאהנט, און מען וויל זיך אביסל אפרוען, דארף מען האבן ביי זיך א ספר. עס מאכט זייער אסאך אויס. עס איז דא אמאל וואס מען לערנט, און מען ווייסט וואס מען דארף צו טון, אבער ווען מען זעהט ווי אזוי א אדם גדול האט זיך געפירט, מען זעהט אזעלכע שיינע מדות, און אזעלכע שיינע זאכן, ווי אזוי דער קאפ פון א אדם גדול האט געארבעט, טוישט עס דעם מענטש אינגאנצן. מען קען אהיימקומען נאך אזא זומער, אנגעפולט מיט אסאך תורה און יראת שמים. זאל דער אייבערשטער העלפן, מען זאל קענען אויסנוצן דעם זומער, און האבן א געזונטן זומער, און מען זאל זיך זעהן אלע אי"ה צוריק אינדערהיים געזונטערהייט, בשמחה ובטוב לבב.

*

***שבת קודש פרשת קרח***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **טובי' ליכטמאן** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל הולדת הבת אצל ש"ב הרב **הערשל פאללאק** שליט"א (בן הרה"ג אב"ד בראשוב שליט"א), שהתקיימה בבית המדרש בראשוב.